ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ר״ה — ו׳ תשרי

**(חלק כט)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע ראש השנה, כד אלול, ה׳תשפ״ו-א׳ תשרי, ה׳תשפ״ז (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ר"ה – ו' תשרי*

א. אין מס' ברכות[1] זאָגט די גמרא „אמר רב המנונא כמה הלכתא גברוותא[2] איכא למשמע מהני קראי דחנה[3] וחנה היא מדברת על לבה מכאן למתפלל צריך שיכוין לבו, רק שפתי' נעות מכאן למתפלל שיחתוך בשפתיו, וקולה לא ישמע מכאן שאסור להגבי' קולו בתפלתו, ויחשבה כו'".

וצריך ביאור: אַלע ענינים אין תורה זיינען מדויק בתכלית, דער ענין פון תפלה שטייט שוין אין (די חמשה חומשי) תורה, וכמה פעמים אָנהויבנדיק פון תפלות אברהם[4] יצחק[5] ויעקב[6], תפלת משה[7] א.א.וו.[8] – ווי קומט עס אַז דער מקור אויף „כמה הלכתא כו'" איז דוקא אין תפלת חנה (אין חלק הנביאים, דברי קבלה) און ניט אין די תפלות וואָס שטייען אין תורה?

לכאורה וואָלט מען געקענט זאָגן אַז תפלת חנה איז מיוחדת בזה וואָס זי איז אַ תפלה אויף אַ דבר עיקרי וכללי – אויף האָבן קינדער – „ונתת לאמתך זרע אנשים"[9], וואָס דאָס איז אַ זאַך וועלכע איז נעלית ביותר, און דאָס איז איינע פון די „מפתחות" וואָס איז „בידו של הקב"ה (שלא נמסרו ביד שליח)"[10], וואָס בכלל איז צו עם איז מען מתפלל, און דוקא **צו עם**[11].

און ס'איז אויך נוגע ביותר, ובלשון רחל[12] „ואם אין מתה אנכי"[13].

און ווייל דער תוכן ומבוקש פון תפלת חנה איז אַן ענין נעלה ביותר, דערפאַר איז די תפלה אַ יסוד ומקור פון וואַנען מ'לערנט אָפּ „כמה הלכתא גברוותא" אין תפלה.

מ'קען אָבער אַזוי ניט פאַרענטפערן, ווארום אויך די תפלה פון יצחק[14] (ורבקה) איז דאָך געווען ממש אויפן זעלבן ענין עיקרי, אויף קינדער –

---

*) הוא יום היארצייט של הרבנית הצדקנית מרת חנה תנצב"ה (אמו של – יבלח"ט – כ"ק אדמו"ר שליט"א). נסתלקה שבת תשובה בעת עלות המנחה שנת תשכ"ה.

1) לא, סע"א.

2) כ"ה בגמ' ובע"י: גברוותא. ובשינוי – ראה רי"ף ודק"ס כאן. סוכה לח, ריש ע"ב ובר"ח, רי"ף ור"ן שם. ואכ"מ.

3) ש"א א, יג ואילך.

4) בנוגע לסדום (וירא יח, כג (ובפרש"י שם) ואילך); על אבימלך (שם כ, יז. וראה שם, ז). וראה ברכות כו, ב. לקמן הערה 14.

5) ח"ש כד, סג ובפרש"י שם (מברכות שם. ועוד). תולדות כה, כא (ופרש"י שם).

6) ויצא כח, יא ופרש"י שם (מברכות שם). וישלח לב, יו"ד ואילך (ופרש"י שם, ט).

7) ובפרט תפלתו ויחל משה גו' (תשא לב, יא ואילך) וכו' שמסופר בתורה אריכות התפלות.

8) לדוגמא: וירא יט, יח (ופרש"י) ואילך. ח"ש כד, יב ואילך. ועוד.

9) ש"א שם, יא.

10) ראה תענית ב, סע"א ואילך: מפתח של חי' כו' דכתיב (ויצא ל, כב) ויזכור אלקים את רחל גו' ויפתח את רחמה.

11) כל' הרמב"ם (פיה"מ פ' חלק היסוד החמישי): שהוא ית' הוא הראוי לעבדו . . אליו בלבד יכוונו המחשבות. וכהדגשת מחז"ל: אליו ולא למדותיו (אפילו, ועאכו"כ לא לשליח) – פרדס של"ב פ"ב בשם הספרי.

12) ויצא ל, א. וראה הערה 10.

13) וכמו שהי' בחנה „והיא מרת נפש" – ש"א שם, יו"ד. וראה ברכות (ל, ב), דר' אליעזר למד דאין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש „דאמר קרא והיא מרת נפש". ובגמ' שם: אמאי דילמא חנה שאני דהות מרירא לבא טובא. וראה צל"ח שם.

14) משא"כ באברהם שלא נאמר באופן של תפלה – ראה לך טו, ב־ג.

"ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו (ווי רש"י טייטשט "הרבה והפציר בתפלה") כי עקרה היא"[15]!

ב. מ'קען אויך ניט פאַרענטפערן, אַז פון די תפלות של האבות וואָלט מען ניט געקענט אָפּלערנען, היות "אין למידין מקודם מ"ת"[16] —

ווייל, ערשטנס, רעדט זיך דאָ ניט וועגן אַ לימוד (ממש) פון פסוק, נאָר וועגן אַ גילוי מילתא (כעין אסמכתא[17]) ווי ס'דאַרף זיין[18] דער אופן ההנהגה בתפלה; ובפרט אַז דער גאַנצער (ענין ו)סדר התפלה זאָגט דאָך די גמרא[19] אַז "תפלות אבות תקנום" — "אברהם תקן תפלת שחרית שנאמר כו' יצחק תקן תפלת מנחה שנאמר כו'".

זאת ועוד: בנוגע אַ טייל פון די "הלכתא גברוותא", וואָס "איכא למשמע מהני קראי דחנה", זאָגט דער מהרש"א[20] אַז "כמה דברים דחשיב הכא כגון שצריך שיכוין את לבו ואסור להשמיע קולו שמעינן להו נמי ממקומות אחרים כדלעיל אלא דקאמר דמהני קראי דחנה נמי איכא למשמע להו".

ולפ"ז: אָט די "דברים" וואָס "שמעינן להו נמי ממקומות אחרים" האָבן דאָך געוויס געקענט זיין מרומז אין איינע פון די תפלות האבות, וואָס דעמאָלט איז עס אינגאַנצן ניט בסתירה צו "אין למדין מקודם מ"ת", וויבאַלד דאָס איז ניט דער איינציקער מקור אויף די הלכות.

מוז מען זאָגן, אַז דאָס וואָס חז"ל זיינען מדייק ומדגיש "כמה הלכתא גברוותא איכא למשמע מהני קראי דחנה" איז דאָס דערפאַר וואָס בתפלת חנה געפינט מען אַ חידוש מיוחד אין דעם גדר התפלה.

ג. ויש לומר הביאור בזה:

אין תוכן התפלה זיינען דאָ צוויי כללית'דיקע סוגים: ס'איז דאָ אַ תפלה וואָס "אדם מתחנן ומתפלל בכל יום"[21], והיינו אויף די צרכים הרגילים והתמידיים וואָס אַ מענטש נויטיקט זיך אין זיי יעדן טאָג; און עס איז דאָ די תפלה "בעת מן העתים אשר יצטרך לדבר מן הדברים, כמו[22] בעת צרה וכיוצא"[23].

און אפילו די פוסקים וואָס זאָגן[24], אַז "תפלה בכל יום והנוסח התפלה הוא מצוה מדרבנן"[25], האַלטן זיי אָבער, אַז ס'איז אַ מצוה מדאורייתא "שיתפלל האדם . . בעת צרה" וכיו"ב, ווען ער דאַרף אַ דבר מיוחד.

וההסברה אין דעת הפוסקים אלו איז מובן ע"פ המבואר בכ"מ אין דעם גדר התפלה און — ווי דער גדר איז מחולק פון גדר הברכה[26]:

15) תולדות שם.

16) ראה שד"ח כללים מערכת האל"ף כלל שכא. פאת השדה כללים מערכת אלף סקל"ה ס"י. אנציקלופדי' תלמודית בערכו.

17) דהרי זה נלמד מדברי קבלה, ופשיטא ד"הלכתא גברוותא" אלו אינן מדאורייתא — וראה לקו"ש ח"ו ע' 322 ואילך.

18) ראה במקומות שבהערה 16. וראה לקו"ש חכ"ה ע' 142 ואילך.

19) ברכות כו, ב. — וראה בית האוצר (להר"י ענגל) מערכת הא' כלל א' אות ז'.

20) בחדא"ג ברכות שם (לא, סע"א) ד"ה מהני קראי. וראה צל"ח שם.

21) ל' הרמב"ם הל' תפלה פ"א ה"ב.

22) ראה רמב"ן וחינוך שבהערה 25.

23) ל' הצ"צ בשרש מצות התפלה בתחלתה.

24) ודלא כדעת הרמב"ם שם.

25) ל' הצ"צ שם — לדעת "רוב מוני המצות כמו הסמ"ק והרשב"ץ (וכ"ד הרמב"ן בחינוך שם)". וראה רמב"ן בסהמ"צ מ"ע ה. חינוך מצוה תלג.

26) ראה לקו"ת ראה יט, רע"א. ד"ה כה תברכו תרכ"ו. ובכ"מ.

ברכה איז מלשון „בריכה" — אַ מקום ריכוז פון מים[27] וכיו"ב, וואָס פון דאָרט איז מען ממשיך די מים לויט די צרכים ופרטים המתאימים. און ברכה איז אויך פון לשון „המבריך"[28], וואָס פירושו איז המשכה, ברכה איז ענינה צו ממשיך זיין אַ זאַך ממקורו.

דאָס הייסט: דער אויפטו פון ברכה איז נאָר — ווען דער ענין (פון דער ברכה) איז שוין דאָ (במקורו), נאָר מאיזו סיבה האַלט זיך עס אָפּ פון נמשך ווערן להמתברך — און די ברכה פועל'ט אַז דאָס זאָל נמשך ווערן פון מקור און אַראָפּקומען למטה. ובלשון הפסוק[29]: איש אשר כברכתו ברך אותם — מיט דער ברכה, וואָס איז געווען ראוי און צוגעגרייט פאַר יעדן איינעם, דערמיט האָט ער זיי געבענטשט, ד.ה. די ברכה האָט ממשיך געווען צו יעדן איינעם למטה דאָס וואָס עס איז געווען אין מקור למעלה.

[און ווי עס ברענגט זיך אויף דעם די ראי' פון דער ברכה וואָס יעקב האָט געבענטשט די בני יוסף, אַז יעקב האָט אַרויפגעלייגט[30] „ימינו . . על ראש אפרים . . ואת שמאלו על ראש מנשה", און יוסף האָט אים געזאָגט[31] „כי זה הבכור שים ימינך על ראשו וימאן אביו . . אחיו הקטן יגדל ממנו וזרעו יהי' מלא הגוים". דלכאורה, וויבאַלד אַז יעקב איז דער וואָס איז זיי מברך, האָט ער דאָך געקענט בענטשן מנשה'ן מיט דער ברכה גופא, אַז ער זאָל זיין גרעסער פון אפרים?

נאָר דער ענין איז כנ"ל: ברכה טוט ניט אויף קיין נייע זאַך — עס איז בלויז ממשיך („מבריך") דעם ענין הברכה פון מקור. דערפאַר האָט יעקב ניט געקענט פועל'ן מיט זיין ברכה, אַז מנשה זאָל זיין גרעסער פון אפרים, ווייל דאָס איז ניט געווען אין מקור].

אָבער תפלה איז ענינה, וואָס מ'בעט דעם אויבערשטן — „יהי רצון" (וכיו"ב), אַז ס'זאָל ווערן אַ רצון, אַ דבר חדש, וואָס איז ניט געווען פריער.

ועפ"ז איז מובן דער טעם פון די דיעות וואָס האַלטן אַז גדר מצות התפלה איז דוקא בעת מן העתים כמו בעת צרה וכיו"ב, וואָרום תפלה איז עיקר ענינה „יהי רצון", צו פועל זיין אַ דבר חדש — ניט ווי ס'איז געווען דער סדר ביז דאַן — און דער אויפטו פון תפלה איז ניט אויף אַזויפיל מתאים ביי אַ תפלה אויף די צרכים התמידים והר־גילים שבכל יום (וואו עס איז ניט ניכר אַז מ'פועלט „יהי רצון", אַ דבר חדש) נאָר דוקא ביי אַ תפלה אויף אַ שינוי וחידוש אין דער הנהגה — עס זאָל זיין אַ ריווח ישועה והצלה פון דער „עת צרה" וכיו"ב.

עפ"ז איז מובן, אַז דער גודל התפלה איז לפי ערך דעם גודל השינוי וההידוש אין דער זאַך אויף וועלכער ער איז מתפלל. און דערפאַר איז אע"פ אַז אַ תפלה צו מבטל זיין עצירת גשמים אָדער לרפאות החולה וכיו"ב איז ענינה יהי רצון, צו פועל'ן אַ הנהגה חדשה וואָס זאָל זיין ניט כפי הגזירה כו' — קומט דאָס אָבער ניט צו דער תפלה אויף בנים פון אַן עקרה, וואָס דאָ דאַרף זיך אויפ־טאָן אַ חידוש וואָס איז היפך פון סדר הטבע, טבע (עקר ועקרה —) בריאתו של הקב"ה. ומובן, אַז אין דעם פאַל דריקט זיך אויס דער תוקף ומעלת התפלה ביתר שאת כו'.

27) ישעי' כב — ט, יא.
28) כלאים רפ"ז. וראה תו"א מקץ לז, ג.
29) ויחי מט, כח. וראה פרש"י שם.
30) ויחי מח, יד.
31) שם, יח־יט.

ד. ועפ"ז יובן בעניננו:

אע"פ אַז תפלה אויף בנים באופן הנ"ל איז אַ גרויסע מעלה כנ"ל (וואָס דער ענין איז געווען ביי די אבות כנ"ל ס"א), איז אָבער תפלת חנה מיוחדת בזה גופא.

והביאור: דער תוכן פון תפלת חנה איז כמ"ש[32] „ותדור נדר ותאמר ה' צבאות אם ראה תראה בעני אמתך .. ונתת לאמתך זרע אנשים גו'", וואָס אויף דעם שטייט אין רש"י (פון ילקוט) על אתר, אַז דערמיט האָט זי געמיינט „צדיקים"[33]. ד.ה. זי האָט געבעטן צו האָבן ניט סתם קינדער, נאָר „זרע אנשים — צדיקים";

און איר כוונה דערביי איז געווען ניט נאָר אַן ענין פון צדיק בכח (אַז ער זאָל האָבן די נשמה פון אַ צדיק[34]) — נאָר אויך צדיק בפועל[35], ווי זי האָט געזאָגט אין איר נדר (וואָס איז געווען אַ טייל און המשך פון איר תפלה) „ונתתיו לה' כל ימי חייו", אַז ער וועט בפועל זיין נתון לה' כל ימי חייו.

און וויבאַלד אַז ס'איז דערנאָך געווען אַזוי ווי זי האָט מתפלל געווען — ס'איז ביי איר געבאָרן געוואָרן שמואל, וועלכער איז טאַקע בפועל[36] געווען נתון לה' — איז מסתבר, אַז דאָס איז געקומען דערפאַר וואָס דער אויבערשטער האָט ממלא געווען איר תפלה ובקשה און איר געגעבן אַזאַ זון ווי זי האָט געבעטן[37] (וואָס וועט בפועל זיין נתון לה').

וואָס דאָס איז אַן ענין וועלכער איז היפך ניט בלויז פון דער הנהגת הטבע וואָס דער אויבערשטער האָט איינגע־שטעלט אין וועלט, נאָר כביכול אויך העכער פון די הגבלות ווי זיי זיינען ע"פ תורה:

ס'איז דאָך ידוע[38], אַז „מלאך הממונה על ההריון כו' אומר לפניו (דהקב"ה) רבש"ע כו' גבור או חלש כו' ואילו רשע או צדיק לא קאמר", ווייל[38] „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים". דער ענין הבחירה, דאָס וואָס „רשות[39] לכל אדם נתונה אם רצה להטות עצמו לדרך טובה ולהיות צדיק הרשות בידו ואם רצה כו'", איז „עיקר[40] גדול הוא והוא עמוד התורה והמצוה".

קומט דאָך אויס אַז תפלת חנה איז געווען[41] אויף אַן ענין וואָס איז ניט נאָר היפך הטבע וואָס הטביע הקב"ה בעולמו, נאָר אויך ניט לפי די הגבלות והגדרות וואָס דער אויבערשטער האָט קובע גע־ווען בתורתו און אַלס אַן עיקר גדול ועמוד.

ה. דער ענין הנ"ל איז אויך נוגע להלכה:

די משנה זאָגט[42]: נזיר הי' שמואל כו' שנאמר[32] ומורה לא יעלה על ראשו נאמר בשמשון[43] ומורה ונאמר בשמואל ומורה מה מורה האמורה בשמשון נזיר[44] אף מורה האמורה בשמואל נזיר.

32) ש"א א, יא.
33) להעיר מפרש"י שלח יג, ג.
34) ע"ד הפי' בתניא פי"ד בדברי איוב „בראת צדיקים" (ב"ב טז, א).
35) ראה ברכות שם (בהמשך הסוגיא — לא, ב) מאי זרע אנשים .. זרע ששקול כשני אנשים .. משה ואהרן.
36) וראה בהנסמן בהערה שלפנ"ז.
37) וכמ"ש גם בדברי עלי אל חנה (ש"א א, יז), „ואלקי ישראל יתן את שלתך אשר שאלת מעמו".

38) נדה טז, ב.
39) ל' הרמב"ם הל' תשובה רפ"ה.
40) רמב"ם שם ה"ג.
41) להעיר מאהבת יהונתן להפטורת יום א' דר"ה ד"ה ויען עלי.
42) סוף נזיר.
43) שופטים יג, ה.
44) ראה רש"י ותוס' נזיר שם.

און אַזוי פסק'נט דער רמב"ם[45] אַז „שמואל הרמתי נזיר עולם הי'".

איז ידוע די שאלה[46] אין דעם: ווי אַזוי האָט געקענט זיין די חלות הנזירות אויף שמואל'ן? דאָס וואָס חנה האָט געזאָגט אַ נדר „ומורה לא יעלה על ראשו" האָט ניט דעם כח (ע"פ תורה) אַז שמואל זאָל דורך דעם ווערן אַ נזיר: א) שמואל איז בעת נדרה נאָך ניט געווען בעולם. ב) אפילו ווען ער וואָלט דאַן געווען בעולם, איז „האיש מדיר את בנו בנזיר ואין האשה מדרת את בנה בנזיר"[47].

מען האָט אַמאָל שוין גערעדט באריכה[48] אַז די חלות הנזירות (אויף שמואל'ן) האָט זיך אויפגעטאָן דורך דעם וואָס שמואל אַליין האָט דאָס גענומען אויף זיך: וויבאַלד אַז בעת ער איז געוואָרן אַ גדול האָט ער (ניט נאָר ניט מוחה געווען, נאָר ער האָט) ממשיך געווען די הנהגת הנזירות (לויט ווי חנה האָט זיך מיט אים געפירט פריער), האָט די הנהגה (הסכמה) גע'פועל'ט די חלות קדושת **נזירות** למפרע[49].

דערמיט איז נאָך מער מודגש דער אופן נעלה פון תפלת חנה ונדרה: כאָטש זי האָט געוואוסט אַז איר נדר אַליין קען ניט אויפטאָן אויף איר זון די קדושת הנזירות — אויב ער וועט דערצו ניט מסכים זיין, אעפ"כ איז זי געווען זיכער אַז „מורה לא יעלה על ראשו" — זי איז געווען בטוחה בתפלתה אַז ער וועט געוויס מסכים זיין לנדרה און וועט זיין אַ נזיר כל ימי חייו.

45) הל' נזירות פ"ג הט"ז.

46) רד"ק ש"א שם, יא. ועוד.

47) נזיר כח, ב (במשנה) — הובא ברד"ק שם. ע"ש.

48) לקו"ש חי"ח ע' 66 ואילך ובהערות שם.

49) עיי"ש (ע' 68 ואילך) באריכה ובהדוגמאות לגדר זה.

ו. ועפ"ז יש לבאר די שייכות מיוחדת פון די „כמה הלכתא גברוותא" צו תפילת חנה („איכא למשמע מהני קראי דחנה"), אַז אַ „מתפלל צריך שיכוין לבו", „שיחתוך בשפתיו" אָבער „אסור להגבי' קולו בתפלתו" און „שכור אסור להתפלל"[50]:

אין גדר התפלה זיינען דאָ צוויי פרטים: די כוונת הלב שבתפלה און דער דבור שבתפלה.

דער עיקר ענין התפלה איז, כידוע, די כוונת הלב שבתפלה. מיט דעם איז תפלה אַנדערש פון כמה מצות שבדבור, וואָס ביי תפלה איז כוונת הלב (ניט בלויז אַן ענין פון כוונת המצוה, ווי ביי אַנדערע מצות שבדבור, נאָר) אַ חלק פון קיום המצוה עצמה; די כוונת התפלה מאַכט אויף די חפצא של מצות תפלה, אויך דעם דבור של התפלה (ווי גערעדט אַמאָל באריכה[51]).

וי"ל אַז דאָס איז דער טעם וואָס מען געפינט ניט הדגשת הכרח הכוונה ביי ברכה[52], משא"כ בתפלה איז דער עיקר די כוונה והרגש הלב —

ויומתק זה ע"פ הנ"ל: ברכה איז ענינה (כנ"ל ס"ג), צו פועל זיין אַז די השפעה זאָל נמשך ווערן ממקורה און אַראָפּקו־מען לידי גילוי למטה, און דעריבער

50) ברכות לא, סע"א.

51) לקו"ש חכ"ב ע' 117 ואילך.

52) ומה שבברכת כהנים (נשא ו, כג) פרש"י „אמור מלא לא תברכם בחפזון ובבהלות אלא בכונה ובלב שלם", הרי א) מזה גופא שצריכים לימוד מיוחד ע"ז (אמור מלא) מוכח שעיקר ענין הברכה הוא האמירה והדיבור [וראה פרש"י שם לפנ"ז (מספרי) „אמור להם, שיהיו כולם שומעים", ובסוטה (לח, סע"א) „בקול רם"]. ב) ברכת כהנים שאני שיש בה גם המעלה דתפלה כמבואר בד"ה כה תברכו שם. ובכ"מ. וראה לקו"ש ח"י ע' 38 ואילך. וש"נ.

איז דער עיקר דערביי דער דבור וואָס ענינו איז גילוי המחשבה.

משא״כ ביי תפלה, אעפ״י אַז תכליתה איז עס זאָל אויפגעטאָן ווערן אַ שינוי בגשמיות, „שיתרפא החולה וירד הגשם משמים לארץ ויולידה ויצמיחה״[53], איז דאָס אָבער אַ תוצאה דערפון וואָס מען פועל׳ט אַ רצון חדש כביכול ביי הקב״ה, און דאָס קומט בעיקר דורך כוונת הלב פון מתפלל[54], „שיפנה את לבו מכל המ־חשבות ויראה עצמו כאילו הוא עומד לפני השכינה״[55].

בשעת אַ איד איז מפנה לבו פון אַלע זיינע מחשבות ורצונות און איז זיך מבטל כעבדא קמי׳ מארי׳[56] צום אויבערשטן איז דאָס פועל, אויך למעלה כביכול (כמים הפנים לפנים[57]) אַז עס זאָל זיין אַ רצון חדש, וועלכער איז ניט לויט די הגבלות פון סדר העולם, ביז אפילו ניט לויט דעם סדר והגבלה פון תורה, עשיית רצון חדש[58].

און דער ענין איז אויך געוועזן אַ דבר עיקרי בתפלת חנה: די הדגשה אין די פסוקים איז ניט אַזוי די אריכות אין דעם דבור התפלה, נאָר דווקא אויף כוונת הלב — „והיא[59] מרת נפש ותתפלל על ה׳ ובכה תבכה״[60], און ווי זי האָט געזאָגט צו עלי[61] „ואשפוך את נפשי לפני ה׳״.

און דעריבער איז תוכן פון כוונת הלב דער ערשטער ענין פון די „הלכתא גב־רוותא״ וואָס מען לערנט אָפּ פון תפלת חנה, און דאָס איז אויך דער תוכן[62] פון די אַנדערע[63] „הלכתא״[64].

ז. ע״פ כהנ״ל איז אויך מובן די שייכות בתוכן, פון דער הפטרה צו ראש השנה[65] (ובפרט לפי הידוע[66] אַז תפלת

53) ל׳ אדה״ז בתניא — קו״א (קנה, א). וראה לקו״ת בלק ע, ד ואילך.

54) דבפשטות זה ש„צריך שיכוין לבו״ שלמדין מחנה „וחנה היא מדברת על לבה״ (ש״א שם, יג) היא לא (רק) כוונת פירוש המלות כ״א (בעיקר) גדר ד„מתחנן ומתפלל (לפני הקב״ה)״ (לשון הרמב״ם הל׳ תפלה פ״א ה״ב — ראה בלקו״ש חכ״ב שם). וראה תר״י ברכות שם (במשנה ד״ה כדי שיכוונו).

55) רמב״ם שם פ״ד הט״ז. וראה שו״ע אדה״ז או״ח ר״ס צח.

56) שבת יוד, א. שו״ע אדה״ז או״ח סו״ס צה. ועיין ברכות לג, רע״א. שו״ע אדה״ז סי׳ קד ס״ב.

57) משלי כז, יט. וראה תניא פמ״ט (סט, א) עד״ז לאידך.

58) כמאמר המשנה: עשה רצונו כרצונך כדי שיעשה רצונך כרצונו (אבות פ״ב מ״ד).

59) ש״א שם, י.

60) להעיר משערי תשובה לאדהאמ״צ (ד״ה איתא בר״מ פי״א — ט, ב) „כתפלת חנה שהיתה מרת נפש שאין זה רק בקשת ר״ר העליונים כידוע דצלותא נקרא רחמים (וזהו עיקר מצות התפלה בכל עת צרה דוקא)״.

61) ש״א שם, טו.

62) כי גם זה שלמדין שצריך שיחתוך בשפתיו, הרי זה פרט והקדמה לדין שלאח״ז שאסור להגבי׳ קולו בתפלתו, וכפשטות הכתוב (ש״א שם, יג) „מדברת על לבה רק שפתי׳ נעות וקולה לא ישמע״.

63) ראה לגבי שיכור — רמב״ם שם הי״ז (מעירובין סד, א — כנסמן בנ״כ שם). שו״ע אדה״ז סי׳ קפה ס״ה.

64) וע״פ כל הנ״ל יש לבאר גם השייכות לשם צבאות שאמרה חנה כאן — כבברכות שם (בהמשך הסוגיא — לא, ב): מיום שברא הקב״ה את עולמו לא הי׳ אדם שקראו להקב״ה צבאות עד שבאתה חנה וקראתו צבאות כו׳ — ע״פ המבואר בתו״א (ס, א ואילך) תו״ח (שמות קלז, א ואילך) ועוד, ששם זה מורה על ענין התלבשות אוא״ס בכלים דבי״ע להיות מתייחד עמהם ג״כ כמו שמתייחד באצילות, וענין זה הוא לא ע״פ סדר ומאמר קו המדה, והכח להמשכה זו המשיכו הנביאים מבחי׳ העיגול והסוכ״ע אשר שם כחשיכה כאורה כו׳ שהוא דוקא יכול להשפיל את עצמו למטה מטה גם בבי״ע. עיי״ש בארוכה.

65) ראה בארוכה לקו״ש חי״ט ע׳ 291 ואילך.

66) של״ה במס׳ ר״ה שלו (ריד, א בהגהה) — ע״פ ר״ה יא, א: בר״ה נפקדה . . חנה. וראה הגהות חת״ס או״ח סתקפ״א (למג״א סקט״ו): לפי

חנה איז געווען בר"ה), וואָרום דעמאָלט איז דער זמן וואָס מען טוט אויף דעם רצון חדש ביי דעם אויבערשטן (ניט נאָר בשייכות צו אַן ענין פרטי אין דער בריאה, נאָר) אויף דער כללות הבריאה.

דער ביאור אין דעם:

דער עיקר עבודה פון ר"ה איז[67] צו פועל זיין דעם „תמליכוני עליכם"[68]; יעדן יאָר דאַרף מען פון דאָס־ניי מכתיר זיין דעם אויבערשטן אַלס מלך ישראל (ועי"ז — מלך העולם).

און דאָס קומט דורכדעם וואָס מ'איז מעורר ביי דעם אויבערשטן דעם רצון צו וועלן זיין אַ מלך. ובדוגמא ווי דאָס איז ביי אַ מלך בשר ודם, וואָס אַן אמת'ער מלך איז דאָך „משכמו ומעלה גבוה מכל העם"[69], והיינו אַז דער ענין המלוכה, צו ווערן אַ מלך און אָנפירן מיט'ן עם, איז פאַר אים אַ ירידה (וויבאַלד אַז ער מצד עצמו איז גבוה, מרומם ומובדל פונעם עם), און דעריבער דאַרף מען ביי אים מעורר זיין אַ רצון למלוכה.

און די התעוררות הרצון למלוכה ווערט אויפגעטאָן דורך דעם ביטול וואָס דער עם ווייזט אַרויס צום מלך, וואָס דאַן איז דער ענין ההכתרה[70].

המפורסם דתפלת חנה הי' בר"ה כו'. וכ"ה בפני יהושע כתובות סה, א (לתוד"ה אחרי). וראה הר המורי' לרמב"ם הל' ביהב"ח בתחלתו.

67) בכל הבא לקמן — ראה בארוכה דרושי ר"ה בלקו"ת וכו'.

68) ר"ה טז, סע"א. לד, ב.

69) ע"פ ש"א י, כג (הנאמר בשאול).

70) ראה גם מכתב ח"י אלול תשמ"ה (נדפס לקמן בהוספות ע' 515).

ועד"ז — און עאכו"כ — איז עס אין נמשל, אַז דער אויבערשטער מצ"ע איז לגמרי העכער פון צו זיין אַ מלך, וואָרום ער איז אינגאַנצן מובדל ומרומם פונעם גאַנצן ענין הבריאה. און דורך דער עבודה פון ר"ה, וואָס אידן זיינען מגלה זייער קבלת עול מלכות שמים און פול־שטענדיקן ביטול צום אויבערשטן, איז מען מעורר ביים אויבערשטן דעם רצון אויף צו זיין אַ מלך.

און דערפאַר איז „מצות היום בשופר"[71], ווייל דוקא תקיעת שופר אַנטהאַלט אין זיך דעם תוכן וואָס עס טוט אויף דער ענין פון „תמליכוני", ווי די גמרא זאָגט[68] „אמרו לפני בר"ה מלכיות . . כדי שתמליכוני עליכם זכרו־נות כו' ובמה בשופר":

דער קול שופר איז אַ קול פשוט, וואָס קומט פון הבל הלב, וואָס בעבודת ה' איז עס[72] די צעקה פשוטה פון אַן אידן פון פנימיות הלב, כמ"ש[73] „צעק לבם אל אד'" — די צעקה פנימית פון אידן צום אויבערשטן, און דערפאַר איז דאָס מעורר למעלה אַ רצון פנימי למלוכה, אַז דער אויבערשטער זאָל אָננעמען די הכתרה פון די אידן און זיין מלך ישראל ועי"ז דער מלך העולם,

ביז עס ווערט בגלוי „והי'[74] ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי' ה' אחד ושמו אחד".

(משיחות ו' תשרי תש"ל)

71) ר"ה כז, א.

72) ראה לקו"ת שם נד, ג. נח, ד. ובכ"מ.

73) איכה ב, יח.

74) זכרי' יד, ט (מפסוקי מלכיות).